„...er-Kielcer Leben" 40 (330) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VII-טער יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען

היינט • זייטע.

Radom, Piątek 17 Październ. 1930 r.

ראַדאָם, פרייטאָג כ"ה תשרי תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlibowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייז:

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
„ „ „ אין „ 60 „
„ „ „ נאָכ'ן „ 25 „

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען
8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 „

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

---

דער ראַט, פערוואַלטונג און פּערסאָנאַל
פון קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוו פאַר האַנדעל און מלאכה (פּלאַץ 3-טער מאַי 2)
דריקט אויס דעם ה' יונה גאָלדבערג און גאַנצע פאַמיליע
דעם מיטגליד פון ראַט פון אונזער אַנשטאַלט, דעם טיפסטען מיטגעפיהל
צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין איבעראַל געאַכטעטען
פאָטער
## ה' אברהם גאָלדבערג ז"ל
זאָל איהם די ערד לייכט זיין.

---

Głęboko dotknięte przedwczesną śmiercią
koleżanki naszej
R E G I N Y
FINKIELSZTEJNÓWNY
która została oderwana z grona naszego w kwiecie wieku
pogrążonej w smutku RODZINIE wyrażają najgłębsze współczucie
KOLEŻANKI:
Regina Bialska, Ewa Kirszenblatt,
Cela Waksberg, Jadzia Müller,
Rózia Gelibter, Rózia Potaźnik,

---

Przez Kuratorjum Szkolne zatwierdzony
**Zakład nauk handlowych**
COMMERCIUM
przyjmuje wpisy dodatkowo do dnia 20 b. m.
w lokalu WP. GLUZMAN przy ul. Kilińskiego 27.

דער בעשטעטיגטער דורכ'ן שול-קוראַטאָריום
האַנדעלס און קאָמערץ-אַנשטאַלט

נעמט אָן צוגאָב-איינשרייבונגען ביז'ן 20 פּאַזשדזיערניק ה. י.
אין לאָקאַל פון ה' גלוזמאַן קילינסקי 27.

---

Stroskanej przyjaciółce SALI BERNIMANÓWNEJ
z powodu przedwczesnej śmierci
MATKI i SIOSTRY Jej b. p.
głębokie współczucia wyrażają
Nirenberżanka, Ajdelbaumówna,
Rojalówna, Małkusmanówna,
Urbachówna,

---

Mam zaszczyt podać do wiadomości, że w niedzielę
dnia 19 października r. b. odnawiam czynności
(nauka wychowanie) w SZKOLE
FREBLOWSKIEJ
dla DZIECI od lat 3 do 7 przy ul. Spacerowej 12|14 w Radomiu
Warunki skromne. G. POMERANC.



"TROJKA" PHILIPSA

3-לאמפיגער ביליגער באטעריע-אפנעמער

ריינע זיכערע אויפנעמונג ביי בעדייטענדיגע דערגרייכונג און שפּירעוודיגקייט

פרייז צוזאמען מיט פיליפסעס היילכער, טיפּ 2016 — 399 זל.

א דעמאנסטראציע אין נאהנטסטען ראדיא-געשעפט וועט אייך איבערצייגען וועגען דער זעלטענקייט פון דאזיגען אפנעמער.

POLSKIE ZAKŁADY PHILIPS S. A.

WARSZAWA, KAROLKOWA 36 | 44


באשטעהט פון פאלגענדע פערזאנען: רייכער אברהם, מידלער יצחק, מאנדשיין נתן, נח ראזענבוים, רוטמאן אבנר, מרגלית יחמיאל, מייערפעלד מאיר, בערנעמאן מאיר.

אונטער די קלאנגען פון התקוה ווערט די פערזאמלונג געענדיגט.

## גרויסער ערפאלג פון גאז-אינסטאלאציעס אין ראדאם.

ווי מיר ווערען געוואר, איז לעצטענס גאז געווארען אין ראדאם פאפולער, אזוי, אז כמעט אין יעדען הויז ווערט ארייגעצויגען גאז. די סבה דערפון איז פשוט. עס קאסט בעדייטענד ביליג און איז פאר דער ווירטשאפט זעהר בעקוועם. מיט'ן אנקומען פון ווינטער-סעזאהן, ווען די בעהייצונג און בעלייכטונג פערנעמט א אנגעזעהענעם ארט אין ווירטשאפטליכען בודזשעט פון יעדער פאמיליע, בעמיהט זיך יעדער מיט דער הילף פון גאז צו פערלייכטערן די שווערע לאסט פון ווינטער-בודזשעט.

אשטייב. וואס ווערט בעלויכטען, בעהייצט און געקאכט אויף גאז, איז די פראגרעסיווסטע און מאדערנסטע אין פולען זין פון ווארט. נעמענדיג בעזונדערס אין אכט, וואס די גאזאווניע גיט אזעלכע אויסערגעוועהנליכע לייכטע און צוגענגליכע בעדינגונגען ביים אינסטאלירען די פערשידענע גאז-איינריכטונגען, ווי קעכלעך, אויבענס, פרעס-אייזענס און בעלויכטונגס מכשירים — איז פשוט אין אייגענעם אינטערעס זיך גלייך צו ווענדען צו דער גאזאווניע וועגען איינארדנען ביי זיך גאז, איידער די גרויסע פרעסט קומען אן, ווען מען איז אבהענגיג אין די מזכס פון קוילען-הענדלער...

בעזונדערס איז ווערטה זיך אבצושטעלען, אז די גאז-בעלויכטונג, ספּעציעל פון דער ראדאמער גאזאווניע, שטעהט אויף א הויכען טעכנישען ניווא אזוי, אז זי קאן גאנץ דרייסט קאנקורירען מיט עלעקטריע.

כדאי צו דערמאנען, אז דורך די גאנצע דריי יאהר זינט די גאזאווניע עקזיסטירט פארן נוצען פון דער שטאט איז נאך דער קלענסטער אבשיין פון א פארפאל נישט געוועזען און ווי דער דירעקטאר פון דער גאזאווניע, דער ספּעציאליסט און זאכקענער ה' נאוואק גיעט אונז איבער, איז לגמרי אויסגעשלאסען די קלענסטע מורא, אז ס'זאל ווען עס איז קאנען גאר פּאסירען א וועלכער ס'איז פאל. נאטירליך, גיעט צו דער ה' דירעקטאר, זענען מיר אהנמעכטיג געגען די, וועמען עס פערגליסט זיך צונעמען דאס גאז-רעהרעל אין מויל אריין, און אייפשרויפענדיג דעם רעזערוואר צו וועלען פערזוכען דעם טעם פון גאז... אבער אזעלכע משוגעים זענען דא ווייניג.

יעדער וואס וויל ס'זאל איהם זיין ווינטער וואַרים, ליכטיג, געמיטליך און זיין פרוי זאל האבען א בעקוועמע און זאבערע ווירטשאפט זאל ער זיך תיכף ווענדען צו די גאזאווניע וועגען אינסטאלירען גאז.

## וואס הערט זיך מכח וואהלן אין אונזער שטאדט.

דער קאמפף אויפ'ן ווארשאווער וואהל-פראנט לאזט זיך אויך פיהלען אין אונזער יודישען ראדאם. אויך דא ווערט געפלאנט פערשידענס ווי אזוי און אויף וואס פאר אן אופן מ'זאל צוטרעטען צו דער וואהל-אקציע. פונקט ווי אין ווארשא הערשט אויך אין ראדאם א דעזאריענטאציע און מ'קאן זיך פשוט נישט בעשליסען וואס צוטוהן.

אלס אויסוועג צו דער כאאטישער לאגע איז געבוירען געווארען א פראיעקט צו שאפען א לאקאלען בלאק. ד"ה א פעראייניגונג צווישען אלע ארטיגע בירגערליכע פארטייען און ארגאניזאציעס, וועלכע זאלען אויסשטעלען איין קאנדידאט אויפ'ן ראדאמער וואהל-קרייז.

צו דעם צוועק ווערען כסדר אבגעהאלטען זיצונגען צווישען ציוניסטען, אגודה, האנדווערקער און סוחרים. דער חלוקי דעות אבער צווישען די פארטייען איז אזוי גרויס, אז מ'קאן נישט קומען צו קיין אויסגלייך.

דעם פערגאנגענעם זונטאג איז אין היגען סוחרים-פעראיין פארגעקומען א בשותפות'דיגע זיצונג פון די אויבענדערמאנטע ארגאניזאציעס, וועלכע האבען דעלעגירט זייערע פארשטעהער צו די אונטערהאנדלונגען. אלע בעטייליגטע האבען אנערקענט די נויטווענדיגקייט פון א לאקאלען בלאק, אבער פאר דאס איז ארויסגעשפרינגען אלס דאס שווערסטע פראבלעם די מאנדאטען-פראגע. די ציוניסטען מיט'ן מזרחי און א טייל סוחרים האבען ארויסגעשטעלט די קאנדידאטורען פון ג. ... ראזענשטיין, פּרוקער און ד"ר גרשון לעווין. די אגודה האט פערלאנגט ארויסצושטעלען אלס ראדאמער קאנדידאט דעם יאראסלאווער רב.

פון דער ערשטער זיצונג איז גאר נישט געווארען און ס'איז געבליבען צו בעשטימען דעם המשך פון דער זיצונג אויף דינסטאג, שמיני עצרת. אין זעלבען טאג זענען די דעלעגאטען זיך ווידער צונויפגעקומען כדי ווייטער צו פיהרען די אונטערהאנדלונגען מכח דעם ענדגילטיגען קאנדידאט פארן ראדאמער וואהל-קרייז. דאס מאהל איז אבער די זיצונג אויפגעלעזט געווארען. ס'איז געקומען א בושאדאווניק און ערקלערט, אז די זיצונג קאן נישט צושטאנד קומען צוליב דעם, וואס ס'איז וועגען דעם נישט געמאלדען געווארען דער טאכט.

מימוצאי יום-טוב איז אין „עזרה" פארגעקומען די דריטע זיצונג, אין וועלכער ס'האבען זיך בעטייליגט פארשטעהער פון ציוניסטען, מזרחי, התאחדות, צעירי מזרחי, סוחרים, אגודה, האנדווערקער, פועלי אגודת ישראל, צעירי אמוני ישראל.

דאס מאהל איז שוין קיין שטערונגען מצד דער מאכט נישט געוועזען, חייל וועגען דער זיצונג איז פריהער געמאלדען געווארען אין סטאראסטווא, און דאך האט די זיצונג נישט געגעבען קיין קאנקרעטע רעזולטאטען און מ'איז זיך צעגאנגען מיט גארנישט. די סבה דערפון איז ווידער געוועזען דער שטרייט קאמפף ארום די קאנדידאטען-פראגע.

די ציוניסטען, מזרחי, התאחדות, צעירי מזרחי האבען ארויסגעשטעלט די קאנדידאטור פון פראפ. שאר, ראטענשטרייך, טרוסקער און אדוו. סאלבע. די האנדווערקער פארשטעהער האבען פארגעשלאגען די קאנדידאטור פון בורגין און חיים ראזנער. די סוחרים און אגודה האבען ארויסגעשטעלט ווישליצקי'ן, אדער אדוו. זיידמאן.

יעדע קאנדידאטור פון די אויסגערעכענטע איז גענומען געווארען צים אבשטימונג, אבער קיינער האט נישט געהאט די נויטיגע צאהל. אדוו. זיידמאן, וועמען די אגודה און סוחרים האבען פארגעשטעלט אלס אונפארטייאישען קאנדידאט האט געצויגען א גרעסערע צאהל שטימען — 10 אבער פארט נישט געקענט אנגענומען ווערען, ווייל דערצו איז נויטיג געווען דריי פירטעל פון דער אלגעמיינער צאהל

Wszystkim tym, którzy wzięli udział w oddaniu ostatniej posługi drogim zwłokom nieodżałowanej i ukochanej córki i siostry naszej

B. P.

**Reginy FINKELSTEINÓWNEJ**

składają z głębi zbolałych serc serdeczne „Bóg zapłać"

pogrążeni w głębokim smutku

*Rodzice i Rodzeństwo*

w nieobecności narzeczonego.

---

טיעף ערשיטערט צוליב'ן פריהצייטיגען טוידט פון אונזער כלה

**רבקה פינקעלשטיין**

וואָס איז אוועק אין איהרע בליהענדע יאָהרען, דריקען מיר אויס מיט טיפען ווערטאָג גרויס בערויערונג און מיטגעפיהל די עלטערן.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**יוסף ראָזענבלאַט** עם פרוי און קינדער.

---

מיט דעם טיפסטען צער בעווײנען מיר דעם פריהצייטיגען טוידט פון אונזער חשוב'ען פריינד

**ר' אברהמ'לע גאָלדבערג ז"ל**

און מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטלייד און מיטגעפיהל דער אין טרויער פערבליבענע פ א מ י ל י ע צוליב זייער גרויסער און אונפערגעסליכער אבידה.

זאָלען זיי זיין געטרייסט אין זיינע שעהנע מעשים און מעהר נישט וויסען פון קיין צער.

**יאָסיל ניימאַן עם פרוי.**

---

Głęboko dotknięta przedwczesną śmiercią

**Reginy Finkielsteinówny**

swe współczucie rodzinie wyraża

**Ida Kormanówna.**

---

**חבל על דאבדין ולא משתכחין!**

מביעים אנו את צערנו העמוק על פטירת האדם חשוב ונכבד

עסקן תירני אוזר מטובי עירנו **ר' אברהם גאָלדבערג** נ"ע

המקום ינחם את משפחתו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**ועד ישיבת „תורת-חיים" ברדום.**

---

אנוועזענדע, און היות די צאָהל דעלעגאַטען איז געווען 18 האָט מען נעברויכט 15 שטימען.

דער דעלעגאַט פון סוחרים-פעראיין ה' אלעזר מרגלית האָט ערקלערט, אַז אויב די ציוניסטישע גרופירונגען זענען נישט מסכים אויף אדוו. ווידמאַן, וועלכער איז צוליב זיין אונפארטייאישקייט דער פאַסיגסטער קאַנדידאַט, איז דאָס א בעוויז, אז מ'וויל נישט געהן פעראייניגט, און דעריבער פערלאָזען די סוחרישע און אגודה'שע פאָרשטעהער די זיצונג.

די אונטערהאַנדלונג האָט אָנגעהאַלטען פון 4 נ. מ. ביז 10 ביינאכט און אויך צום דריטען מאָהל איז פון דער זיצונג גאָרנישט געוואָרען.

• • •

ווי מיר ווערען געוואויר, איז אויף איינע פון די זיצונגען אין דער יודישער גמינע אויך בעריהרט געוואָרען די פראגע, וואָס פאַר א שטעלונג די יודישע קהלה ברויך נעמען צו די נאָהנטע סיים-וואַהלען.

נאָך א לעבהאַפטע דיסקוסיע, אין וועלכע ס'האָבען אנטייל גענומען הרב קעסטענבערג, טענענבוים, האָכמאַן און פרידמאַן, איז אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע רעזאָלוציע:

היות די יודישע בעפעלקערונג אויפ'ן ראַדאָמער געביעט איז נישט אימשטאַנד דורכצופיהרען קיין יודישען קאַנדידאַט, דעריבער זאָל מען דופען אלע יודען צו שטימען אויף דער ליסטע 1 פון בע-בע (סאַנאַציע).

## „ברית תרומפלדור"-פייערונג אין ראַדאָם.

זונטאָג דעם 12 ד. מ. האָט דער היגער „ברית תרומפלדור" ענטהילט זיין פאָהן.

די פייערונג האָט זיך אָנגעהויבען 9 פריה מיט א גאָטעס-דיענסט אין דער גרויסער שוהל, בעת וועלכער עס האָט געהאַלטען א דרשה וועגען די אויפגאַבען פון דער אידישער יוגענד, פראָפ. מושקאַטבליט.

אזייגער 12 פריה איז אין זאַל פון קינאָ „קאָרסאָ" פאָרגעקומען די פייערליכע פאָהן-ענטהילונג. אין פרעזידיום זענען מצד דעם הנהגה פון „ביתר" איינגעלאַדען געוואָרען די ה"ה: פראָפ. מושקאַטבליט, מ. ל. פישמאַן און י. סאַווא. ביי א פיל געסטען ואהל עפענט דער פאָרזיצער פראָפ. מושקאַטבליט די פייערונג. דער אָרקעסטער פון „ביתר" שפּילט דעם מלוכה-הימן און „התקוה". דער פאָרזיצער בעגריסט ראָן די פאָרשטעהער פון דער מאכט און געזעלשאפטען און ערטיילט דאָס וואָרט צו א בעגריסונג דעם פאָרשטעהער פון ראַבינאַט, הרב קעסטענבערג. נאכהער בעגריסען: אין נאָמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — מ. ליקסענבורג; גמינע-פערוואַלטונג — ב. האָכמאַן; קרן-היסוד — מ. ל. פישמאַן; קרן קימת — י. קויפמאַן; סוחרים פעראיין — א. פינקעלשטיין; ציוניסטען-רעוויזיאָניסטען — מ. מייערפעלד; פערבאַנד „מסדה" — פ. פישמאַן, קרן תל חי — י. ביאַלסקי; גימנאַזיום „חנוך בני דעת" — פראָפ. איינענבערג א. א.

נאָך די בעגריסונגען ענטהילט פראָפ. מושקאַטבליט די פאָהן און איינגעלאַדענע מצד דעם פרעזידיום קלאַפּען אריין נעגעל אין דער נאָר וואָס ענטהילטער פאָהן. נאָך דער צערעמאָניע לייענט פראָפ. מושקאַטבליט איבער דעם אַקט פון ענטהילונג און גיט איבער די פאָהן אָפיציעל דעם „ברית תרומפלדור". עס האַלט דאַן א קורצע רעדע דער מפקד הקן ישראל סאָווא. דער אָרקעסטער פון „ביתר" שפּילט התקוה און ביי א געהויבענע שטימונג ווערט די שענע „ברית תרומפלדור"-פייערונג געשלאָסען.

---

**ר' אברהם גאָלדבערג ז"ל.**

אין ראַדאָם איז די טעג געשטאָרבען דער בעוויסטער שיך סוחר אברהמ'לע גאָלדבערג. דער פערשטאָרבענער האָט זיך גערעכנט אלס איינער פון די אָנגעזעהענסטע יודען אין שטאָדט. אלס חסידישער יוד, עהרליכער סוחר און נדיב-לב האָט ער זיך ערוואָרבען א שם-טוב אין אלע קרייזען פון דער יודישער בעפעלקערונג. זיין הויז איז געווען פתוח לרוחה און די נויטבעדערפטיגע, וואָס האָבען זיך געווענדעט נאָך הילף און שטיצע זענען דאָרט אויפגענומען געוואָרען בסבר פנים יפית.

דער טוידט פון דעם איבעראַל געשעצטען אברהמ'לע גאָלדבערג האָט ארויסגערופען טרויער אין דער גאַנצער שטאָדט.

אין זיין לויה האָט זיך בעטייליגט א עולם פון עטליכע טויזענד מאַן.

תנצבה.

---

צוליב דער יום-טוב וואָך ערשיינט דער היינטיגער נומער פון אונזער צייטונג נאָר אין 6 זייטען. רעד.

15 Września r, b, została otwarta

**Szkoła freblowska**

E. FINKLERÓWNY w Radomiu przy ul. Rwańskiej 15

Lokal obszerny odpowiednio urządzony, radio, rozrywki i t, p,

Dwa komplety: przed i popołudniowy.

Przyjmuje się dzieci od 4 do 7 lat.

**Udręczony człowiek.**

Dokucza mu reumatyzm, a w domu niema tabletek Aspiriny. Jeśli jest rozsądny, pomyśli o tem, aby nabyć natychmiast w aptece oryginalnych tabletek Aspiriny które uśmierzają bóle.



Istnieje tylko jedna

ASPIRINA BAYER

Każde opakowanie i każda tabletka oryginalnej Aspiriny opatrzone są znakiem BAYER.

# קעלצער אבטיילונג.

## פון דער האנדווערקער-קאמער אין קעלץ.

מחמת דעם, וואס א בעדייטענדער טהייל האנדווערקער, האט נישט גע- קענט געניסען פון די האנדווערקער- קארטען צוליב מאנגעל אין אינדוסט- ריעלע צייגנישען פון יאהר 1927 — האט דאס מיניסטעריום פאר האנדעל און מלאכה מכּים געווען, אז אלס צייגניש. וואס בערעכטיגט דאס זעלבסט- שטענדיגע פיהרען א ווארשטאט קאן גענומען ווערען אין אכט א צייגניש, וואס גיעט ארויס די גמינע, אדער דער מאגיסטראט, אין וועלכען ס'ווערט בעשטעטיגט, אז די בעטרעפענדע פערזאהן האט ביז'ן 15|12 1927 גע- ארבייט זעלבסטשטענדיג ביים פאך. אויפ'ן סמך פון אט דער צייגניש גיעט די סטאראסטווא אלס די ערשטע אינס- טאנץ ארויס די האנדווערקער-קארטע.

די קעלצער האנדווערקער-קאמער האט וועגען דעם ענין אינטערווענירט ביים וואיעוואדא, וועלכער, צופאסענ- דיג זיך צו דער שטעלונג פון אויבענערמאנטען מיניסטעריום האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג אין דעם זין צו די גמינעס און מאגיסטראטען.

## פון קעלצער קרייז-געריכט.

אין היגען קרייז-געריכט איז די טעג בעטראכט געווארען א פראצעס געגען דער סוכעדניאווער איינוואהנע- רין, פאפארעק, וועלכע האט דאס קינד איהרס. וואס זי האט געהאט אהן קידושין, איבערגעלאזט אויפ'ן אי"ז, צוליב וואס עס איז דערנאך געשטאר- בען.

דאס געריכט האט דער דאזיגער „געטרייער" מוטער פער'משפט אויף א יאהר תפיסה.

אין זעלבען טאג האט דאס קרייז- געריכט בעטראכט א צווייטען פראצעס געגען די בגילופינ'דיגע ברידערלעך יוזעף און פראנצישעק קול, וועלכע האבען זיך אזוי משמח געווען אויף א חתונה אין דארף שטשעקאזשאוו (פינטשעווער פאוויאט), אז פאר גרויס חוה און התלהבות האבען זיי דעם חתונה-גאסט יאקוב נאוואק אזוי צו- שלאגען, אז יענער האט צוליב די שרעקליכע ווינדען, וואס ער האט בע- קומען, זיך דערנאך געזעגענט מיט דער וועלט.

דאס געריכט האט ביידע „פרעהליכע" ברודער מהנה געווען מיט דריי יעהר- ליך תפיסה.

## אזוי לאנג געלאפען ביז ער איז ענדליך אינגאנצען אנטלאפען.

דער שאפער באריס ווישניאוויעצקי איז געווען א געוויסע צייט אנגעשטעלט ביים אויטא-אייגענטימער סטאניסלאוו ביעלינסקי.

במשך א הודש צייט איז ווישניא- וויעצקי געפאהרען מיט דער טאקסובקע פיהרענדיג אין איהם באסאזשירען. פאר די רייזעס האט ער גענומען געלד, אבער ביעלינסקי האט דערפון נישט געזעהן קיין גראשען.

לעצטענס האט זיך ווישניאוויעצקי מישב געווען. אז ס'איז נישט קיין תכלית אזוי ארומצולויפען מיט א פרעמדען אויטא. און דערצו נאך הא- בען שרעק פאר'ן בעליהבית, ווען מען מוז דאך פארט אמאהל אבגעבען א חשבון, איז ער געפאלען אויפ'ן שכל און געמאכט אינגאנצען פיס און טאקע מיט'ן אויטא צוזאמען.

אין א שיינעם מיטען טאג האט ווישניאוויעצקי ארויפגעלייגט זיינע זאכען און דאס בעטגעוואנד, מיטגענו- מען דאס ווייב און אפילו נישט פער- געסען אין זיין קינד און שוין הא- בענדיג אלץ אויפ'ן אויטא איז ער אוועק אין א אונבעקאנטער ריכטונג. ס'איז שוין די צווייטע וואך ווי ער איז פערשווינדען און מ'הערט נישט פון איהם א קרעה.

ביעלינסקי האט וועגען דעם גע- מאלדען דער פאליציי, וועלכע האט ארויסגעשיקט שטעק-בריעף. פארהאן השערות, אז ווישנאוויעצקי איז אנט- לאפען קיין רוסלאנד.

דער אויטא איז נישט מעהר ווערטה ווי 13 טויזענד זלאטעס, צוליב וועלכע ביעלינסקי האט פערקויפט זיין מאיאנ- טעק און דא איז מיט איין מאהל זיין מאיאנטעק אוועקגעפלויגען.

## א „גליקליכע" רייזע

א „גליקליכע" רייזע האט געהאט דער איינוואהנער פון דארף גאי-קא- ניעמלאצקי (סטאפניצער קרייז). אין פאריגען יאהר איז יאן ארויסעמיגרירט קיין פראנקרייך צו פערדינען עפּעס געלד. די טעג האט ער זיך אומגעקערט צוריק צו זיין פאמיליע, פיהרענדיג מיט זיך זיינע אבגעשפארטע פערדינ- סטען. ווארטענדיג אויפ'ן וואקזאל אין קעלץ איז ער איינגעשלאפען און מ'האט איהם דאן אויסגעלעדיגט די קעשענעס, ארויס'לקח'ענדיג א לעדערנעם פארט- פעל מיט 300 זל. און 60 פראנק, ווי אויך פערשידענע דאקומענטען.

Biuro Prośb i Podań

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA: Sprawy paszportowe, Mieszkaniowe, Wszelkie Tłumaczenie i inne.

Redaguje Podania: Do Władz Sądowych, Skarbowych, Administracyjnych i Wojskowych.

Windykacja należności w całej Polsce.

**Informacje o zdolności kredytowej**

**Przepisywanie na maszynach.**

Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

דאנקזאגונג.

דעם טיעפסטען דאנק דריקען מיר אויס דעם דאקטאר

קעלערוואַרם

פאר זיין איבערגעגעבענע און מיהפולע בעהאנדלונג אין די לעצטע מינוטען

פון אונזער הייס-געליבטען און קיינמאהל נישט פערגעסענעם

מאן, פאטער און שוויגער-פאטער

ר' אברהם'לע גאלדבערג.

די פאמיליע.

דאמען-שניידער

י. פאטאזשניק

איז נאך א קורצע אבוועזענהייט צוריקגעקומען פון ווארשא און עמפפעהלט

די נייעסטע מאדעלען אויף פאלטענס און פוטערס

ראדאם, פילסודסקי 7.

— די — שענסטע טאפעטען

צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאנג-יעהריגער פירמע

ש. שטיינמאן

ראדאם, לובלינער 21.

**OGŁOSZENIE.**

odaje się do wiadomości Sz. P., że Biuro Próśb i Podań pod firmą

„EXPRES"

**przy ul. ŻEROMSKIEGO 27**

(w lokalu Powszechnego Banku Spółdz.)

z dniem 15 Sierpnia r. b. wznawia swą działalność pod kierownictwem wybitnych fachowców.

BIURO ZAŁATWIAĆ BĘDZIE:

**Redagowanie próśb do wszystkich władz państwowych i komunalnych.**

**Sprawy paszportowe i mieszkaniowe; umowy i kontrakty**

**Windykacja należności.**

**Przepisywanie na maszynie.**

Biuro czynne od godziny 9—3 i od 4—7.

**Załatwia się punktualnie, solidnie i tanio.**

# Bank Spółdzielczy
## KUPCÓW i PRZEMYSŁOWCÓW

z ograniczoną odpowiedzialnością

w RADOMIU, Żeromskiego 9

Członek PowszechnegoZwiązkuna własn. pom. opar. spółdz. we Lwowie.
Skrz. pocztowa № 112 —— Konto czekowe P.K.O. Nr. 65.950
Rk. żyrowy w Banku Polskim oddz. w Radomiu.

מיר מאכען בעקאנט די געערטע קליענטען דאס פון 15-טען אקטאבער ה. י. ווערט געעפענט א פיליע פון אונזער באנק אין Zagożdżon וועלכע וועט ערלעדיגען אלערליי באנק-אפעראציעס. פראוויזיע פון אינקאסע וועלען מיר רעכענען נאר Zł. 1.50 פאר שטיק.

פאר די איינקאסירטע אינקאסעס וועלען מיר אויסצאהלען דעם זעלבען טאג אין די שעה'ען פון 6 ביז 8 אווענד.

גלייכצייטיג טהיילען מיר מיט דאס אויף די שטעדט: ווארשא, לאדז, קראקע, לעמבערג, קעלץ, זוואלען, אילזא, אסטראוויעץ און שידלאוויעץ ווערען אנגענומען אינקאסעס און מיר רעכענען נאר 1 זל. פער שטיק. אויך ווערען אנגענומען אינקאסעס אויף באנק-פאלסקי-פלעצער צו נאמינאלע פראוויזיע.

מיט אכטונג

*Bank Spółdzielczy*
Kupców i Przemysłowców
– z ogr. odp. –
w RADOMIU.



לאחתנו שרה ברמן במות

# אמה ואחותה נ"ע

מביעים אנו דברי נחומים, בעבודתך בעד רעיון התחיה תמצא נחומים.

קבוצה „דבורה"
אצל הקן „ברית טרומפלדור" ברדום.



טיעף ערשיטערט פון דעם פריהצייטיגען טויט פון מיין

אונפערגעסליכע מיטארבייטערין

# רעגינע פינקעלשטיין

וועלכע איז געווארען אבגעריסען פון איהרע בליהענדע 21 יאהר זאל איהר די ערד גרינג זיין און די עלטערען זאלען זיין געשטארקט איבערצוטראגען דעם גרויסען פערלוסט און צער.

יוסף פינקעלשטיין לובלין.



*Kino dźwiękowe „ŚWIT"*

Dziś i dn. następnych

## WESELE w HOLLYWOOD

Nad program Pierwszorzędne dodatki dźwiękowe


# כאפט דעם גנב.

אלס ענטפער אויף דער אויפפאדערונג פון א טייל פערזאנען, וועלכע האבען ווירקליך דערפיהרט צום רואין די געזעלשאפט „סורוויט" אין ראדאם און וואס ווילען נאך דערצו מיט זייערע ברוטאלע ארויסטרעטונגען לגבי די פערזאנען פון דער פערוואלטונג, די ה"ה מ. רובינשטיין און צמח בוימאן, בעהאלטען זייער אייגענע שולד — ערקלערען מיר פאלגענדעס:

קודם כל בעשטעהט די פערוואלטונג פון 3 פערזאהן: רובינשטיין, בוימאן און שולדמאן. חוץ דעם, פרעגען מיר וואו איז געווען דער ראט, אין וועלכען עס האבען אנטייל גענומען די זעלבע א״אנטוריסטען, וועלכע האבען זייערע חובות, אפענע און פראטעסטירטע וועקסלען, ביז היינט נישט בעצאהלט. דאס איז פאר ווי ווייניג און זיי ווילען נאך האבען דעם מוטה צו בעשולדיגען מענשען, וועלכע זענען גארנישט שולדיג, כדי אזוי-ארום צו פערווישען די עפענטליכע אויפמערקזאמקייט.

איצט וואס שייך זייער אויפפאדערונג גופא האבען מיר צו ערקלערען נעמליכעס:

1) אויף זייער פערלאנג ארויפצוגעבען די ביכער פון „טורוויס", ערקלערען מיר, אז אין הסכם מיט די פארשריפטען פון געזעץ געפינען זיך די ביכער צו דער פולשטענדיגער דיספאזיציע פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע, וועלכע קאן צו יעדער צייט קאנטראלירען.

2) וואס אנבעטרעפט די 60 דאלאר פון אמעריקא אויף דער האנד און צו דער דיספאזיציע פון ה' רובינשטיין, וועמען ס'איז געגעבען געווארן פון אונזערע אמעריקאנער ברידער די אויסשליסליכע רעכט צו פערטיילען לויט זיין איינזעהן — דערויף איז גענוג צו זאגען, אז זיין האנדלונג אין דעם פאל איז געווען אין אויסגעשפראכענעם הסכם פון אלע אנפיהרענדע חברים פון קאאפ. „סורוויט". דאס געלד האט ה' רובינשטיין אריינגעבארגט אין „סוראיט" אין פארם פון א גמילת-חסד און אבגענומען נישט אין מזומנים, נאר אין סחורה, פאר וואס ה' רובינשטיין איז פערזענליך פעראנטווארטליך. דאס פערטיילען דאס געלד וועט ה' רובינשטיין אויספיהרען אין דער נויטיגער צייט ענטשפרעכענד צו די אבהארטענדיגע דירעקטיווען פון אמעריקא.

3) בנוגע זייער פאדערונג פון דער זעלבסט-הילף-קאסע געלדער, וועלכע זענען אוועקגעבארגט געווארען זיינער צייט דעם „סורוויט" מאכען מיר וויסען, אז צוזאמען מיט'ן בעדריבט פון „סורוויט" וועלען מיר גלייכצייטיג בעריכטען אויך וועגען די זעלבע געלדער, נישט אכטענדיג דערויף, וואס מיר ווערען איגנארירט און בעליידיגט, נאר דערפאר וויל מיר האבען געמאהנט ביי די אויבענדערמאנטע א"ה די געזעלשאפטליכע געלדער, וואס מיר וועלען אויך ווייטער נישט אויסהערען צו מאהנען.

וואס אנבעלאנגט גע'משפט צו ווערען, ווינשען מיר זיך פון מענשען מיט ריינערע הענד און א ריינעם געוויסען.

## די פערוואלטונג פון „סורוויט"
### אין ראדאם.


*Kino-Teatr Nowe-Czary*

Dziś i dni następnych!

## ALEKSANDER II

(Z tajemnic Pietro - Pawłowskiej twierdzy)

—Nad— program Orzeł Texasu
w roli gł: Rex Bell



*Kino ODEON Teatr*

Od poniedziałku 13 Paźdz. r. b.

## Cienie Miłości

w roli głównej:
Elza Temary i Mikołaj Rimski

*Jedynaczka króla cygar*



*Kino CORSO Teatr*

Dziś i dni następnych

## Rapsodja Węgierska

w roli gł: Dita Parlo i Lil Dagover

Goljat Armstrong

Na scenie REWJA


Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia „Wyd. Radomer-Kelcer Leben" Radom Szwarlikowska 20.